# סצענע 2 א'
# Escena 2 A

## באָבע, וווּ ביסטו ?
## ¿Bobe, dónde estás?

מענדל - באָבע, באָבע, וווּ ביסטו ?

גאָלדע - לאָמיר אַרייַנגיין. זי איז דאָ אין שטוב.

רייזל - יאָ, זי איז דאָ אין שטוב. אָבער וווּ ? אין וועלכן צימער ?

מענדל - בעסער לאָמיר זוכן אין שלאָפֿצימער... זי האָט ליב צו רוען.

רייזל - ניין, זי איז אויך נישט אין שלאָפֿצימער.

גאָלדע - אפֿשר עסט זי אין עסצימער מיט דעם זיידן ?

מענדל - ניין. זיי זייַנען נישט אין עסצימער. מאַמע, איך בין הונגעריק...

רייזל - לאָמיר זוכן אין באָדצימער. זי האָט ליב זיך צו באָדן אין דער פֿרי.

מענדל - אָבער איצט איז איינס אַזייגער ! וואָס איז מיט דיר ? איצט איז נישט אין דער פֿרי... איצט איז שוין מיטאָגצייַט !

רייזל - גוט, גוט, דו גרויסער חכם... אָבער זי איז אויך נישט אין באָדצימער. אויב זי איז נישט אין קיך, נישט אין שלאָפֿצימער, נישט אין עסצימער און נישט אין באָדצימער... וווּ איז זי ?